## HFHS פאציענט פינאנציעלע הילף פראגראם

**<u>פאליסי</u>**

דער HFHS פאציענט פינאנציעלע הילף פאליסי (״פאליסי״) איז געמאכט געווארן צו אדרעסירן די פינאנציעלע הילף בארעכטיגונג פאר פאציענטן וועלכע נויטיגן זיך אין פינאנציעלע הילף און באקומען עמערדזשענסי און אנדערע מעדיציניש נויטיגע קעיר פונעם Henry Ford Health System (״HFHS״), און איז גילטיג אויף יעדע פון די HFHS פאסיליטיס וואס ווערן אויסגערעכנט אין אפענדיקס א' און זייערע פארבינדענע קליניקס (״HFHS פאסיליטיס״). אלע פינאנציעלע הילף וועט אפשפיגלען HFHS'ס געטריישאפט צו באהאנדלען יעדן פאציענט מיט עהרע, רעספעקט און מיטגעפיל.

די ליסטע פון HFHS פראוויידערס וואס געבן עמערדזשענסי אדער אנדערע מעדיציניש נויטיגע קעיר אין HFHS פאסיליטיס, וואס זענען געדעקט דורך די פאליסי און וואס זענען נישט, ווערן געהאלטן באזונדער אויף HFHS'ס וועבזייטל (henryford.com). מען קען באקומען די HFHS סערוויס פראוויידער ליסטע פריי פון אפצאל, סיי אנליין און סיי אויף פאפיר, פונעם HFHS וועבזייטל אדער דורך רופן איינע פון די HFHS פאסיליטיס וואס ווערן אויסגערעכנט אין אפענדיקס א'.

**<u>אפטייטשונגען:</u>**

- **סומעס גערעכנט אין אלגעמיין (AGB):** מיינט די סומע וואס ווערט אין אלגעמיין גערעכנט פאר עמערדזשענסי און אנדערע מעדיציניש נויטיגע קעיר פאר מענטשן וועלכע האבן אינשורענס וואס דעקט אזעלכע קעיר.
- **עמערדזשענסי קעיר:** מיינט די באהאנדלונג פון א מעדיצינישע צושטאנד וואס באווייזט זיך מיט שטארקע סימפטאמען פון גענוגנדע ערנסטקייט (אריינגערעכנט ערנסטע יסורים) אזוי אז דאס אפוועזנהייט פון באלדיגע מעדיצינישע אויפמערקזאמקייט קען מען מעסיג ערווארטן אז עס זאל גורם זיין:
  - לייגן דאס געזונטהייט פונעם מענטש (אדער אין פאל פון א שוואנגערדיגע פרוי, דאס געזונטהייט פון די פרוי אדער איר אומגעבוירן קינד) אין ערנסטע געפאר,
  - ערנסטע באגרעניצונג פון קערפערליכע פונקציעס, אדער
  - ערנסטע דיספונקציע פון סיי וועלכע קערפערליכע אבר אדער טייל, אדער
  - לגבי א שוואנגערדיגע פרוי וואס האט געבורט ווייען - (א) אז עס איז נישטא גענוג צייט דורכצופירן א פארזיכערטע טראנספער אדער אנדערע שפיטאל איידערן געבורט אדער (ב) אז דער טראנספער קען שטעלן אין געפאר דאס געזונטהייט אדער זיכערהייט פון די פרוי אדער איר אומגעבוירן קינד.
- **גאראנטירער:** מיינט דער מענטש וואס איז פאראנטווארטליך פארן פאציענט'ס ביל אויסער דעם פאציענט.
- **הויזגעזונד אינקאם:** רעכנט אריין איידער שטייער פארדינסטן, אנעמפלוימענט קאמפענסאציע, ארבעטער'ס קאמפענסאציע, סאשעל סעקיוריטי, סופלעמענטל סעקיוריטי אינקאם, פובליק אסיסטענס, וועטעראנ'ס פעימענטס, סורוויווער בענעפיטן, פענסיע אדער רעטייערמענט אינקאם, אינטערעסט, דיווידענדס, רענטס, ראיעלטיס, אינקאמס פון ירושות, טראסטס, עדיוקעישאנאל אסיסטענס, אלימאני, טשיילד סופארט, הילף פון אויסערן הויזגעזונד, און אנדערע פארשידענע קוועלער. דאס רעכנט נישט אריין נישט-קעש בענעפיטן אזוי ווי פוד סטעמפס און הויזינג סאבסידיס אדער קאפיטאל פארדינסטן אדער פארלוסטן. אויב א מענטש וואוינט מיט א פאמיליע, מוז די אינקאם פון אלע הויזגעזונד מיטגלידער ווערן אריינגערעכנט (אריינגערעכנט דאמעסטישע פארטנערס) אויסער אויב פאמיליע מיטגלידער באצאלן רענט און\אדער זענען נישט קיין דעפענדענטס פון היים אייגנטומערס. נישט-קרובים, אזוי ווי הויז-שותפים, דארפן נישט ווערן אריינגערעכנט. דעפענדענסי סטאטוס זאל ווערן באשטימט אויף א קעיס-ביי-קעיס באזיס.
- **Henry Ford פינאנציעלע הילף קאמיטעט:** איז צוזאמגעשטעלט פון דריי מיטגלידער פון פירערשאפט באשטימט דורכן וויצע-פרעזידענט פון רעווענו סייקל.
- **HFHS סערוויס פראוויידער:** א העלט קעיר פראקטישאנער מיט קלינישע פריווילעגיעס וואס זענען נויטיג כדי צו דורכפירן סערוויסעס ביי אן HFHS פאסיליטי.
- **מעדיציניש נויטיגע סערוויסעס:** זענען פאסיג און נויטיג פארן דיאגנאז אדער באהאנדלונג פון אייער מעדיצינישע צושטאנד, ווערן צוגעשטעלט צום דיאגנאז, דירעקטע קעיר, און באהאנדלונג פון אייער מעדיצינישע צושטאנד, קומען נאך די סטאנדארטן פון גוטע מעדיצינישע פירונגען אין די לאקאלע געגנט, און זענען נישט הויפטזעכליך פארן באקוועמליכקייט פון אייך אדער אייער העלט קעיר פראוויידער.

**<u>בארעכטיגונג באדינגונגען פאר פינאנציעלע הילף:</u>**

קוואליפיקאציע פאר HFHS פינאנציעלע הילף אונטער די פאליסי וועט ווערן באשטימט פאר יעדע ערפארונג אונטער איינע פון די פאלגנדע דריי מעטאדן אויסגעשטעלט צו נאכקומען דעם אסעט טעסט, ווי שייך, ווי געשילדערט אונטן. פאציענטן וואס קומען נישט נאך די בארעכטיגונג באדינגונגען אונטער די פאליסי, קענען זיין בארעכטיגט פאר פינאנציעלע הילף אונטער אנדערע פינאנציעלע הילף פראגראמען וואס ווערן צוגעשטעלט דורך HFHS, אריינגערעכנט פארשידענע קאמיוניטי באזירטע פראגראמען. פאר מער אינפארמאציע וועגן די פראגראמען, גייט צו henryford.com.

פינאנציעלע הילף אונטער די פאליסי איז מיטן כוונה צו ווערן גענוצט אלס דער לעצטער אויסוועג פון באצאלונג. איידערן נעמען אין באטראכט א פינאנציעלע הילף דיסקאונט, מעג HFHS פארלאנגען א פאציענט זיך איינצוגעבן פאר Medicaid אדער אנדערע רעגירונג הילפס פראגראמען.

HFHS האלט אן די רעכט צו צוריקדרייען סיי וועלכע פינאנציעלע הילף באשטעטיגונגען אויב זאל ווערן אנטדעקט אז אינפארמאציע וואס מען האט צוגעשטעלט דורכאויס די אפליקאציע פראצעדור איז געווען אומריכטיג אדער אומפארענדיגט. אויב זאלן די אומשטענדן ארויפקומען, וועט דער פאציענט און\אדער גאראנטירער געמאלדן ווערן און וועלן זיין פאראנטווארטליך פאר באצאלונג.

**בארעכטיגונג מעטאד (1) - טראדיציאנאל:**

- פערמענאנטע וואוינארט אין די פאראייניגטע שטאטן פון אמעריקע
- האבן פערזענליכע וואוינארט אינערהאלב HFHS'ס פריימערי סערוויס געגנטער, וואס באשטייען פון Wayne, Macomb, Oakland און Jackson קאונטיס. פאר פאציענטן וואס זוכן באהאנדלונג ביי א HFHS פאסיליטי וואס געפינט זיך אינדרויסן פון די קאונטיס וואס ווערן אויסגערעכנט אויבן, קען א פאציענט זיין בארעכטיגט פאר פינאנציעלע הילף אויב זייער פערמענאנטער וואוינארט איז אינערהאלב א פינף-מייל ראדיוס פון די HFHS פאסיליטי.
- זוכט באהאנדלונג מיט אן HFHS סערוויס פראוויידער ביי אן HFHS פאסיליטי
- יערליכע אגרעגעיט הויזגעזונד אינקאם ביז 400% פון די פעדעראלע ארימקייט שטאפל ("FPL"). אויב דער פאציענט האט א יערליכע אינקאם פון וויניגער אדער אייניג צו 250% פון די פעדעראלע ארימקייט שטאפל, קען דער פאציענט זיין בארעכטיגט פאר א 100% דיסקאונט. אויב דער פאציענט האט א יערליכע אינקאם פון 251% ביז 400% פון די פעדעראלע ארימקייט שטאפל, קען דער פאציענט קוואליפיצירן פאר א טיילווייזע דיסקאונט. זעט די סליידינג סקעיל טאוולען אונטן פאר די סליידינג סקעיל דיסקאונטס פאר נישט-אינשורד פאציענטן.

**בארעכטיגונג מעטאד (2) - קאטאסטראפיש:**

- פאציענטן, וואס איבער א 12-מאנאטיגע תקופה, האבן אנגעזאמלט א גרויסע מעדיצינישע חוב ביי אן HFHS פאסיליטי אלס א רעזולטאט פון א קאטאסטראפישע מעדיצינישע סיטואציע, וואס האט גורם געווען ארויס-פון-טאש מעדיצינישע אויסגאבן וואס זענען מער ווי 30% פון זייער גראס יערליכע אינקאם פון הויזגעזינד
- פערמענאנטע וואוינארט אין די פאראייניגטע שטאטן פון אמעריקע
- האבן פערזענליכע וואוינארט אינערהאלב HFHS'ס פריימערי סערוויס געגנטער, וואס באשטייען Wayne, Macomb, Oakland און Jackson קאונטיס. פאר פאציענטן וואס זוכן באהאנדלונג ביי א HFHS פאסיליטי וואס געפינט זיך אינדרויסן פון די קאונטיס וואס ווערן אויסגערעכנט אויבן, קען א פאציענט זיין בארעכטיגט פאר פינאנציעלע הילף אויב זייער פערמענאנטער וואוינארט איז אינערהאלב א פינף-מייל ראדיוס פון די HFHS פאסיליטי.
- זוכט באהאנדלונג מיט אן HFHS סערוויס פראוויידער ביי אן HFHS פאסיליטי.

פאציענטן וואס קומען נאך די אויבנדערמאנטע קוואליפיקאציע פאר פינאנציעלע הילף וועלן זיין בארעכטיגט פאר די פאלגנדע דיסקאונט:

- פאציענטן וועלן באקומען אז זייער שולדיגע מעדיצינישע חוב וועט ווערן עדזשאסטעד צו 30% פון זייער הויזגעזונד אינקאם.
- פאציענטן וואס קוואליפיצירן אונטער סיי מעטאד 1 און מעטאד 2 וועלן באקומען די גרעסערע פון די צוויי דיסקאונטס.

**בארעכטיגונג מעטאד (3) - השערה:**

- HFHS קען באשטימען קוואליפיקאציע פאר פינאנציעלע הילף אויף א השערה'דיגע באזיס; נוצנדיג דריטע פארטיי סקאורינג, רעפערלס פון קאמיוניטי-באזירטע פראגראמען, און באשטעטיגונגען פון רעגירונגס פראגראמען באזירט אויף אינקאם.
- פאציענטן וואס קומען נאך השערה'דיגע קוואליפיקאציע פאר פינאנציעלע הילף קענען זיין בארעכטיגט פאר א טיילווייזע דיסקאונט, אדער א פולע דיסקאונט פון 100% אויף עמערדזשענסי און אנדערע מעדיציניש נויטיגע קעיר. אויב א פאציענט האט א יערליכע אינקאם פון וויניגער אדער אייניג צו 250% פון די פעדעראלע ארימקייט שטאפל, קען דער פאציענט זיין בארעכטיגט פאר א 100% דיסקאונט. אויב א פאציענט האט א יערליכע אינקאם פון 251% ביז 400% פון די פעדעראלע ארימקייט שטאפל, קען דער פאציענט קוואליפיצירן פאר א טיילווייזע דיסקאונט. זעט די סליידינג סקעיל טאוולען אונטן פאר די סליידינג סקעיל דיסקאונטס פאר נישט-אינשורד פאציענטן.

## פאציענט באלאנסן בארעכטיגט פאר פינאנציעלע הילף

פאציענט באלאנסן בארעכטיגט פאר פינאנציעלע הילף אונטער די פאליסי קענען אריינגעמען, אבער זענען נישט באגרעניצט צו:

- קאינשורענס, דידאקטיבל און קאפעימענט סומעס
- טשארדזשעס פאר פאציענטן מיט דעקונג פון א העלט פלאן וואס האט נישט קיין קאנטראקט פארבינדונג מיט HFHS, אדער ווען HFHS פראוויידער נעמט נישט אנטייל אין העלט פלאן'ס נעטווארק
- טשארדזשעס פאר אינשורד פאציענטן וואס האבן שוין אויסגענוצט זייערע בענעפיטן
- טשארדזשעס פאר נישט-געדעקטע סערוויסעס צוגעשטעלט פאר פאציענטן געדעקט אונטער קאמערציאלע, Medicare, אדער Medicaid פראגראמען
- טשארדזשעס פאר פאציענטן וואס זענען שוין איבערגעשטיגן זייער דויער פון פארבלייבן אונטער קאמערציאלע, Medicare, אדער Medicaid פראגראמען

די פינאנציעלע הילף אין די פאליסי איז אין צוגאב צו די נישט-אינשורד דיסקאונטס ווי עס שטייט אין אונזער נישט-אינשורד דיסקאונט פאליסי וואס מען קען זען פארלאנגען דורכן רופן די פינאנציעלע הילף טיעם אויף 874-7800 (313).

## סליידינג סקעיל דיסקאונט טאוולען:

### *נישט-אינשורד פאציענטן:*

פאר קוואליפיצירנדע פאציענטן מיט אינקאם וויניגער ווי 400% פון FPL, ווערט דער פאציענט פאראנטווארטליכקייט עדזשאסטעד צום פראצענט פון די Medicare ערלויבטע סומע באזירט אויפן טאוול אונטן:

| הויזגעזונד אינקאם | % פון Medicare ראטע |
|---|---|
| 400%-350% פון די FPL | 91% |
| 350%-300% פון די FPL | 61% |
| 300%-250% פון די FPL | 30% |
| 250%> פון די FPL | 0% |

קוואליפיצירנדע נישט-אינשורד פאציענטן מיט אינקאמס אונטער 250% באקומען א 100% דיסקאונט

### *אינשורד פאציענטן:*

פאר קוואליפיצירנדע אינשורד פאציענטן מיט אינקאמס וויניגער ווי 400% פון FPL, ווערט פאציענט פאראנטווארטליכקייט דיסקאונט'עד באזירט אויפן טאוול אונטן

| הויזגעזונד אינקאם | דיסקאונט אראפ פון שולדיגע באלאנס |
|---|---|
| 400%-350% פון די FPL | 25% |
| 350%-300% פון די FPL | 50% |
| 300%-250% פון די FPL | 75% |
| 250%> פון די FPL | 100% |

**<u>אסעט טעסט:</u>**

כדי צו באשטימען א פאציענט'ס בארעכטיגונג פאר פינאנציעלע הילף, טוט HFHS זיך באנוצן מיט א סליידינג סקעיל דיסקאונט וואס נעמט אין באטראכט א פאציענט'ס הויזגעזונד אינקאם און קוואליפיצירנדע אסעטס.

א פאציענט איז נישט בארעכטיגט פאר פינאנציעלע הילף אונטער די פאליסי אויב דער פאציענט'ס הויזגעזונד קוואליפיצירנדע אסעטס ווערן געשאצט ביי $100,000 אדער מער, אפגעזען פונעם פאציענט'ס אינקאם. אסעטס וואס ווערן נישט אויסגערעכנט אלס א באשיצטע אסעט וועט ווערן באטראכט אלס אוועילעבל פאר באצאלונג פון מעדיצינישע אויסגאבן. HFHS קען ציילן די איבריגע אוועילעבל אסעטס אלס יעצטיגע יאר אינקאם ביים פעסטשטעלן דעם שטאפל פון דיסקאונט וואס ווערן צוגעשטעלט פארן פאציענט.

*באשיצטע אסעטס:*

- 100% פון די ערשטע $1,000,000 פון עקוויטי אין אן איינצלנע הויפט פערזענליכע וואוינארט; און 50% פון עקוויטי אינעם הויפט וואוינארט דערנאך
- IRA, 401K, קעש ווערד ריטייערמענט פלענער\פענסיעס
- מעסיגע אסעטס גענוצט אין א ביזנעס
- פערזענליכע פראפערטי
- קאלעדזש סעיווינגס פלענער

**<u>פאציענטן וואס קוואליפיצירן נישט פאר העלט אינשורענס</u>**

נישט-אינשור'ד פאציענטן וואס קומען נישט נאך פינאנציעלע הילף באדינגונגען אונטער די פאליסי אדער אנדערע אוועילעבל פינאנציעלע הילף פראגראמען וואס ווערן פארגעשלאגן דורך HFHS וועלן גערעכנט ווערן פאר די סערוויס באזירט אויף דעם נישט-אינשורד דיסקאונט ראטע. פאר נאך אינפארמאציע, קוקט אויפן נישט-אינשורד דיסקאונט פאליסי אויף https://www.henryford.com/visitors/billing.

א פאציענט מעג אפעלירן אן אפזאג פון א פינאנציעלע הילף אפליקאציע דורכן שרייבן צום Henry Ford פינאנציעלע הילף קאמיטעט אינערהאלב 30 טעג פונעם אפזאג ביים HFHS פאסיליטי וואו מען האט באקומען קעיר. קוואליפיקאציע פאר פינאנציעלע הילף איז אויסגעשטעלט צו באשטעטיגונג פון HFHS רעוועניו סייקל מענעדזשמענט מיטן באטייליגונג פון די קלינישע קעיר טיעמס.

אויסנאמען מעגן געמאכט ווערן ווי פאסיג פאר ספעציעלע אומשטענדן. אזעלכע אויסנאמען וועלן ווערן גענומען אין באטראכט אויף א קעיס-ביי-קעיס באזיס. סיי וועלכע אויסנאם וואס ווערט געמאכט באדייט נישט קיין טויש אין פאליסי און טוט אויך נישט גאראנטירן אז דער זעלבער באשלוס וועט גילטן אין די צוקונפט. פאציענטן קענען זיך פארבינדן מיט אונז אויף **(313) 874-7800** אדער דורך אי-מעיל אויף **financialassistanceapp@hfhs.org** אויב מען האט נאך פראגעס אויפן פינאנציעלע הילף אפליקאציע.

**<u>באגרעניצונגען אויף טשארדזשעס פאר פאציענטן וואס זענען בארעכטיגט פאר פינאנציעלע הילף</u>**

פאציענטן וואס קוואליפיצירן פאר פינאנציעלע הילף וועלן נישט ווערן גערעכנט מער ווי די AGB פאר עמערדזשענסי און אנדערע מעדיציניש נויטיגע קעיר און נישט מער ווי גראס טשארדזשעס פאר אלע אנדערע מעדיצינישע קעיר. יעדע HFHS פאסיליטי נוצט דעם צוריקקוק מעטאד פארן אויסרעכענען איין אדער מער AGB פראצענטן. די AGB פראצענטן ווערט אויסגערעכנט דורכן צוטיילן דעם סך הכל פון אלע Medicare פרייז-פאר-סערוויס און פריוואטע העלט אינשורערס וואס האבן באצאלט קלעימס צום HFHS פאסיליטי דורכאויס א 12-מאנאטיגע צייט-אפשניט, ביים סך הכל פון די פארבינדענע גראס טשארדזשעס פאר יענע קלעימס.

**זיך איינגעבן פאר פינאנציעלע הילף:**

פאציענטן און\אדער גאראנטירער קענען זיך איינגעבן פאר פינאנציעלע הילף צו יעדע צייט ביז 240 טעג נאך HFHS שטעלט צו די ערשטע בילינג צום פאציענט און\אדער גאראנטירער. HFHS וועט, דערנאך, פראצעסירן די אפליקאציע און מאכן א באשטימונג פון קוואליפיקאציע ביז 30 קאלענדער טעג נאכדעם וואס די אויסגעפילטע אפליקאציע ווערט ערהאלטן. דער מענטש וועט געמאלדן ווערן שריפטליך לגבי די באשטימונג און באזיס פאר באשטימונג.

כדי צו קוואליפיצירן פאר פינאנציעלע הילף, וועט א פאציענט\גאראנטירער דארפן אויספילן דעם פאציענט פינאנציעלע הילף אפליקאציע. די אפליקאציע איז אוועילעבל אויפן HFHS פינאנציעלע הילף וועבזייטל:
https://www.henryford.com/visitors/billing/financial-assistance דער פאציענט קען שיקן דורך פאסט אדער פאקס אן אויסגעפילטע אפליקאציע מיט די פארלאנגטע דאקומענטאציע צום HFHS פאסיליטי וואו מען האט געזוכט באהאנדלונג פאר א באשטעטיגונג באשטימונג. פאר HFHS פאסיליטי אדרעס און פאקס נומערן, ביטע זעט אפענדיקס א'.

אויב א פאציענט קען נישט דאונלאודן די אפליקאציע דורך די HFHS וועבזייטל, ביטע זעט אפענדיקס א' צו פארלאנגען אז א פאפירענע קאפיע פון די אפליקאציע זאל געשיקט ווערן צום פאציענט'ס וואוינארט. צו זען די אפליקאציע אין מערערע שפראכן ביטע באזוכט דעם פאלגנדן לינק: https://www.henryford.com/visitors/billing/financial-assistance/documents.

אויב א פאציענט האט פראגעס לגבי זיין אדער איר אפליקאציע און\אדער דארף הילף מיטן אויספולן די אפליקאציע, ביטע זעט אפענדיקס א' זיך צו פארבינדן מיטן HFHS פאסיליטי וואו דער פאציענט באקומט באהאנדלונג

פארלאנגטע דאקומענטאציע קען אריינגעמען:

- פעדעראלע אינקאם טעקס ריטוירן פארן לעצטן שטייער יאר (פארם 1040), אריינגערעכנט אלע גילטיגע סקעדזשולס
- לעצטע וועידזש און טעקס סטעיטמענטס (פארם W-2) און אדער מיסעלעניוס אינקאם (פארם 1099)
- לעצטיגע קאפיע פון די לעצטע צוויי מאנאטן פון פעי סטאבס מיט יאר-צום-דאטום פארדינסטן פאר יעדע מיטגליד פונעם הויזגעזונד אדער א דערקלערונג פונעם ארבעטסגעבער וואס באשטעטיגט גראס וועידזשעס
- באווייז פון אנדערע אינקאם (ד.מ. רענטל אינקאם, א.ד.ג.)
- לעצטיגע קאפיע פון די לעצטע 2 מאנאטן פון באנק סטעיטמענטס פון טשעקינג\סעיווינגס אקאונטס
- קאפיע פון גילטיגע מישיגען דרייווער'ס לייסענס אדער מישיגען סטעיט אידענטיפיקאציע קארטל
- אויב שייך, אן אפזאג מעלדונג פון Medicaid, Healthy Michigan אדער Marketplace, און\אדער COBRA דאקומענטאציע
- פערזענליכע דערקלערונג פון פינאנציעלע נויט פונעם פאציענט

HFHS האלט אן די רעכט צו פארלאנגען נאך דאקומענטאציע אויב מען דארף ווייטערדיגע באשטעטיגונג פון אינקאם און\אדער פעסטשטעלונג באזירט אויף סיי וועלכע שטיצנדע דאקומענטאציע וואס מען האט צוגעשטעלט. HFHS מעג נישט אפזאגן קיין פינאנציעלע הילף באזירט אויף אן אפליקאנט'ס פארפעלונג צוצושטעלן דאקומענטאציע וואס די פאליסי אדער די פינאנציעלע הילף אפליקאציע פארלאנגט נישט אויסדרוקליך.

**בילינג און קאלעקשאנס:**

די בילינג און קאלעקשאנס שריט וואס HFHS מעג נעמען פאר נישט-באצאלונג ווערן געשילדערט אין א באזונדערע פאציענט בילינג און קאלעקשאנס פאליסי, וואס מען קען באקומען פריי פון אפצאל דורך זיך פארבינדן מיטן פינאנציעלע הילף טיעם אויף 874-7800 (313) אדער די Henry Ford Health System וועבזייטל אויף www.henryford.com.

**אפענדיקס א'**

**ביטע שיקט די דאקומענטאציע צום פאסיליטי וואו מען האט באקומען די באהאנדלונג:**

| פאסיליטי | אדרעס | טעלעפאן\פאקס #\אי-מעיל |
|---|---|---|
| **Henry Ford Allegiance Health Hospitals** | Henry Ford Allegiance Health<br>Department 64787<br>Drawer 64000<br>Detroit, MI 48264 | טעלעפאן: (517) 205-4920 |
| **Henry Ford Hospital and Medical Centers** | Henry Ford Hospital<br>Patient Financial Assistance Planning Office<br>2799 West Grand Blvd.<br>K-1, West 107 Clinic Building<br>Detroit, MI 48202 | טעלעפאן: (313) 916-4510<br>פאקס: (313) 916-4501 |
| **Henry Ford Kingswood Hospital & Henry Ford Maplegrove Center** | Behavioral Health Services<br>Attn: BHS Revenue Services<br>1 Ford Place, Room 1F111<br>Detroit, MI 48202 | טעלעפאן: (313) 874-9501<br>פאקס: (313) 874-6895 |
| **Henry Ford Macomb Hospitals** | Henry Ford Macomb Hospital<br>Attn: Financial Support<br>15855 19 Mile Rd.<br>Clinton Township, MI 48038 | טעלעפאן: (586) 263-2696<br>פאקס: (586) 263-2697 |
| **Henry Ford West Bloomfield Hospital** | Henry Ford West Bloomfield Hospital<br>Attn: Revenue Services<br>6777 West Maple<br>West Bloomfield, MI 48322 | טעלעפאן: (248) 325-0201<br>פאקס: (248) 325-0235 |
| **Henry Ford Wyandotte Hospital & Henry Ford Medical Center - Brownstown** | Henry Ford Wyandotte Hospital<br>Attn: Hospital Patient Financial Assistance Programs<br>2333 Biddle Ave.<br>Wyandotte, MI 48192 | טעלעפאן: (734) 916-4501<br>פאקס: (734) 246-7926 |
| **Henry Ford Health System Corporate Business Office** | | טעלעפאן: (313) 874-7800<br>אי-מעיל:<br>financialassistanceapp@hfhs.org |